**גראַם און ריטעם אין דער פּראָזע פֿון צבֿי אײַזנמאַן**

רעפֿעראַט פֿון מאַרטין קוועטשע, קיל, פֿאַרן 27טן ייִדיש-סימפּאָזיום בײַם אוניווערסיטעט דיסעלדאָרף דעם 3טן סעפּטעמבער, 2024

איך בין אַ מוזיקער און זינגער פֿון ייִדישע לידער, און זינט 2018 אויך אַ לערער פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור בײַ דער פֿאָלקסהאָכשולע האַמבורג, און איבערזעצער. אין אַלע מײַנע פּראָפֿעסיעס פֿאַרנעם איך זיך מיט די ווערק פֿון צבֿי אײַזנמאַנען.

אײַזנמאַן איז באַוווּסט ווי אַ שרײַבער פֿון קורץ-פּראָזע. אין זײַנע דערציילונגען געפֿינט מען אָבער אַ מאָל אויך לירישע פּרטים; זײַן שרײַבערישער נוסח פֿאַרמאָגט ניט נאָר מעלאָדיע און ריטעם בכלל, נאָר ממש גראַמען און אַ פּאָעטישע פֿערזנמאָס אין אויסגעקליבענע ערטער אויך.

**איבערבליק**

**אַ.** עטלעכע קורצע דעטאַלן צו אײַזנמאַנס ביאָגראַפֿיע (אַ מער פּרטימדיקע ווערסיע אויף דײַטש געפֿינט מען צוגעטשעפּעט)

**ב.** יעקבֿ גלאַטשטיינס קריטיק אין אײַזנמאַנס "זינגעוודיקייט"

**ג.** גראַמען און ריטמען בײַ אַנדערע פּראָזע-שרײַבערס

ג 1. דער נסתּר

ג 2. יצחק באַשעוויס זינגער

**ד.** גראַמען און ריטמען בײַ אײַזנמאַנען

ד 1. ליריש געזעצטע אָפּשניטן

ד 2. ניט ליריש געזעצטע אָפּשניטן

ד 2 אַ. גראַמען און ריטמען צוליב פֿאַרווײַלערישע סיבות

ד 2 ב. גראַמען און ריטמען צוליב דערציילערישער סטרוקטור

ד 2 ג. גראַמען און ריטמען ווײַזן אָן אויף לעבעדיקע זאַכן

ד 2 ד. גראַמען און ריטמען צוליב אינהאַלטלעכע סיבות

ד 2 ה. גראַמען און ריטמען אין ערטער פֿון שרעק און אימה

**ה.** אַ קיצור

**אַ. ביאָגראַפֿיע (קורץ)**

צבֿי אײַזנמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1920 אין וואַרשע; זײַן פֿאָטער איז געווען אַ סטאָליער. ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה אַרבעטנדיק אין די וועלדער בײַם אוראַל. פֿון 1949 ביז זײַן טויט אין יאָר 2015 האָט ער געלעבט אין קיבוץ אין ישׂראל אַרבעטנדיק ווי אַ גערטנער. פֿון אײַזנמאַן זענען בסך-הכּל דערשינען זיבן ביכער קורץ-פּראָזע אויף ייִדיש, דאָס ערשטע אין 1956. 1980 איז ער אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דער יצחק-מאַנגער-פּרעמיע.

**ב. יעקבֿ גלאַטשטיין**[1] **וועגן אײַזנמאַנס ערשט ביכל "די באַן"**

נאָך אין 1956, אינעם יאָר ווען אײַזנמאַנס ערשט ביכל דערציילונגען איז אַרויס, האָט יעקבֿ גלאַטשטיין פֿאַרעפֿנטלעכט אַן עסיי[2], טענהנדיק אַז אײַזנמאַנס טעקסטן *לײַדן (...) פֿון צו פֿיל זינגעוודיקייט. דער מחבר ליריזירט צו פֿיל. גלאַטשטיין האַלט אַז פּראָזע טאָר נישט בלאָנדזשען מיט זינגעוודיקע טריט, ווײַל דער ריטעם שלעפּערט אײַן דעם שרײַבער און דעם לייענער. דער שרײַבער זעט דאָס לעבן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, אין*

1 ייִדישער שרײַבער און ליטעראַטור-קריטיקער, 1896 - 1971

2 יעקבֿ גלאַטשטיין: "אין תּוך גענומען" בוך 1, עסייען 1949 - 1959, בוענאָס אײַרעס 1960, זז' 302 - 306

*האַלב-דרימל, און דעם לייענער זינגט עס אײַן צו שלעפֿערישקייט.* און ער גיט צו: *אײַזנמאַנס דערציילונגען פֿון פּוילן, רוסלאַנד און ישׂראל זענען אַ מין אויסלאַדונג פֿון לירישע געפֿילן, מיט גוזמא-באַגלייטונג, אין פּראָזע.*

איין מאָל גיט גלאַטשטיין אַ קאָנקרעטן בײַשפּיל. ער ציטירט פֿון דער געשיכטע "יגאל האָט חתונה": *יגאל ווייסט אַליין ניט, צי ער זאָל זיך פֿרייען. גיכער איז ער צעטומלט און נישט זיכער. די פֿיר חדשים זײַן אין צימער מיט אָט דער חבֿרה, ליגן אים אין בלוט. זײַן האַרץ האָט ער שוין פֿון לאַנג צעטיילט אויף פֿינף חלקים, און איצט קומט אַ זעקסטער, אַ זי, און נעמט עס צו אין גאַנצן.* גלאַטשטיין קאָמענטירט: *אײַזנמאַן פֿאַרגעסט נישט אַרײַנצוזינגען זײַן געמיט אין זײַן שטענדיקן ריטעם.*

**ג. גראַמען און ריטמען בײַ אַנדערע פּראָזע-שרײַבערס**

מיר קענען שפּראַכן און כּישוף-רייד פֿון אַלטע לעגענדעס און באָבע-מעשׂיות. ס'רובֿ שפּראַכן ווײַזן אַרויס אי גראַם, אי ריטעם, און דאָס איז ניט קיין חידוש פֿאַרן לייענער ווײַל מ'טיילט זיי בכלל אויס פֿונעם רעשט טעקסט, אײַנרוקנדיק זיי שורותווײַז. אַזעלכעס קומט פֿאָר אין טעקסטן פֿון אַ סך שפּראַכן, ניט נאָר פֿון ייִדיש.

די ביידע בײַשפּילן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור וואָס איך ווײַז זיי דאָ באַניצן גראַמען און ריטמען אין מיטן פּראָזע, אָבער זיי רוקן זיי מערסטנס ניט אײַן. פֿונדעסטוועגן האָט דער-אָ נוסח שרײַבן בײַ זיי ס'רובֿ צו טאָן מיט דער סיטרא-אַחרא אָדער מיט אַ שטאַרק מיסטישער סבֿיבֿה.

**ג 1. דער נסתּר[3]**

ד"ר דאַניעלאַ מאַנטאָוואַן[4] זאָגט וועגן דעם נסתּר: *רעטענישן, לאַבירינטן, סימבאָלן, פֿערזן און דאָס מעלאָדישע פֿליסן פֿון די ווערטער פֿאַרבינדן דעם נסתּר מיט זײַנע ייִדישע בני-דור קאַפֿקאַ און ברונאָ שולץ(...).* כאָטש דעם נסתּרס פֿערזן זענען קיין מאָל נישט אײַנגערוקט אין דרוק, ווײַזן גראַם און ריטעם קלאָר אַרויס דעם לירישן כאַראַקטער אין מיטן פּראָזע-טעקסט. עס זענען ניט נאָר שדים און טײַוולאָנים וואָס ניצן אָט דעם נוסח, נאָר אַ מיסטישער פּערסאָנאַזש בכלל.

אין דער דערציילונג "אַ מעשׂה מיט אַ נזיר און מיט אַ ציגעלע[5]" רעדט פֿריער אַ שד צו זײַנע חבֿרים: *שדים, הערט: לבֿנה קוקט, לבֿנה שטערט, און שני איז ווײַט, און קיינער רײַט, און שד אָן אַרבעט... פֿון מענטש קיין שפּורן - נישט געגאַנגען, נישט געפֿאָרן, קיין גלאָק צו הערן; מע דאַרף באַקלערן.*
דערנאָך הייבט זיך אָן די מעשׂה גופֿא; דער נזיר שטויסט זיך אָן אויף עטלעכע פֿאַנטאַסטישע פֿאַרשווינען וואָס רעדן אָן גראַמען, אָבער שטאַרק ריטמיש. אַ קאַרליק: *אַז - פֿרייד אין די פֿליגלען און אָדלער אין וואָלקן, אויגן אין קאָפּ און ווײַטקייט פֿאַר אויגן, און אמת - נישט הויך און נישט ווײַט...*
אויך אַ פֿויגל וואָס איז דעם נזיר צוגעטיילט געוואָרן ווי אַ וועגנווײַזער: *פֿיט און פֿיט - אַ דאַנק פֿאַר הײַנט, אַ פֿרייד אויף מאָרגן, די זון פֿאַרגייט, די זון וועט אויפֿגיין, און ליכט אין הימל, און שפּײַז אויף ערדן, אין וואַלד צו שיצן די נעסט און פֿייגלען...* שפּעטער דער לבֿנה-מענטש: *ווו שטרוי עס ליגט, אין פֿעלד אויף שני, אַ רעדל שטרוי, און ליכטל ברענט (...).*

אין דער דערציילונג "דער נאַר און דער וואַלד-רוח" גייט עס וועגן באַפֿרײַען זיך פֿון קנעכטשאַפֿט: *אָט אַזוי איז געווען, אַזוי פֿלעג זײַן, לאַנג און יאָרן-לאַנג - און דער וואַלד זיך שטייט, די צײַט זיך גייט, דער רוח - דער האַר, דער קנעכט - דער נאַר, און קיינע שום שינויים.*

---

3 ייִדישער שרײַבער, 1884 - 1950, פֿון דער היים פּנחס קאַהאַנאָוויטש

4 רעפֿעראַט "נסתּרס סימבאָליזם", האַמבורג 24.10.2021, בײַ דער שלמה-בירנבוים-געזעלשאַפֿט; ייִדיש פֿון מאַרטין קוועטשע

5 דער נסתּר: "געדאַכט" בד. 1, קיעוו 1929 (2. אויפֿלאַגע)מ

לענגערע פֿערזן געפֿינט מען אַז דער העלד רעדט צו זײַן איינציקן פֿרײַנט, אַ שטיין: *(...) האָב געמיינט, ווי אַלע מאָל, הײַנט שוין עפֿנסט זיך לסוף, פֿאַר דעם זון-זעצן-פֿאַרגיין, און ציסט אויס פֿון זיך אַ זון, און דו גיסט זי דעם פֿאַרנאַכט, און אוממעגלעך איז שוין נאַכט... האָב דערויף איך הײַנט געהאָפֿט, האָט ניט איין מאָל מיר געדאַכט: ס'גייט דער כּוח אין דיר אום, וואָס ער עפֿנט דיך לסוף, האָב איך זיך אין זיך צעלאַכט.*

דער נסתּר גראַמט דאָ, ווי נאָך אין אַנדערע ערטער אין דער זעלביקער דערציילונג, מיט דער ענדונג *-אַכט* וואָס גראַמט אויך מיטן קעפּל פֿונעם ביכל, *"געדאַכט"*.

### ג 2. יצחק באַשעוויס זינגער[6]

בײַ באַשעוויסן געפֿינט מען גראַם און ריטעם אין מיטן פּראָזע-טעקסט. אָפֿט מאָל באַשרײַבט ער שדים אָדער מכשפֿות וואָס ווילן היפּנאָטיזירן אָדער באַניצן שפּראָכן.

למשל זענען פֿאַראַן עטלעכע אַזעלכע שטעלן אין דער דערציילונג "דער שפּיגל[7]" ווּ דער דערציילער איז אַליין אַ שד. רעדנדיק וועגן אַ פֿרוי וואָס זי שטייט ניט בײַ דעם טײַוולשן נסיון גיט ער איבער: אָבער וואָס *איז חווה אָן אַ שלאַנג? וואָס איז בשׂמים אָן געשטאַנק? וואָס איז זון אָן אַ שאָטן? און וואָס איז גאָט אָן אַ שׂטן? זי גאַרט, זי לעכצט. זי רופֿט מיך מיט די אויגן ווי אַ זונה. דער טאָג איז לאַנג. אין האַרץ איז באַנג. זי זאָגט אַ שפּרוך; די לעפֿצן אירע שאָקלען זיך: דער גרוב איז טיף, דער ווינט איז גיך; שוואַרצער קאָטער, ליג אין מײַן דיך. שטום איז דער פֿיש, שטאַרק איז דער לייב - קטבֿ מרירי, נעם מײַן לײַב...*

אַליין באַשרײַבנדיק דאָס גיהנום פֿאַר דער פֿרוי, פֿאַלט דער שד אַרײַן אין אַזאַ נוסח: *פֿון פּײַן און מאַטער מאַכט מען טעאַטער. מאָדעס פֿאַרוועלקן ווי גרעזלעך, כּיבודים פּלאַצן ווי בלעזלעך. צונג-מלאָכה איז די בעסטע מערכה. מער פֿון אַלע זאַכן גילט דאָרט שפּאָטן און לאַכן.*

בײַם סוף איז די פֿרוי אין גאַנצן פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין גיהנום, און לילית און די טײַוולאָנים שפּעטן אָפּ פֿון זייער קרבן:

*וואָס שרײַט זי, די כּלבֿטע? וואָס רײַסט זי זיך דעם טשיפּיק?*
*מ'גראַבלט איר בײַם פּופּיק.*
*דאָס אַלץ? פֿאַרגעסט נישט אַרײַנצוטאָן זאַלץ.*
*און אויסצולאָזן שמאַלץ.*

דאָ זענען די גראַמען גוט צו דערקענען מיטן אויג ווײַל יעדער רעדער און יעדע רעדערין האָט איר אייגן שורה.

אַן אַנדער שטעל דערציילט ווי צוויי שדים פּרווון צו פּועלן בײַ דער פֿרוי, אָבער דאָס מאָל איז דער שפּראָך געדרוקט שורותווײַז:

*האָצע פּלאָצע,*
*דאָס איז די מעצאָצע.*
*צירל שמירל,*
*עפֿן דײַן טירל.*
*לאָמיר פֿירן אַ ליבע*
*ביזן גרובע.*

### ד. גראַמען און ריטמען בײַ אײַזנמאַנען

אין אַ סך פֿון זײַנע דערציילונגען באַניצט צבֿי אײַזנמאַן גראַמען און ריטמען. כאָטש ער האָט אויך אָנגעשריבן פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות ווּ עס קומען פֿאָר שדים[8] און מכשפֿות[9], געפֿינט מען דאָרט ניט קיין סך

---

6 יִדישער שרײַבער, 1902 - 1991

7 יצחק באַשעוויס זינגער: "דער שפּיגל און אַנדערע דערציילונגען", ירושלים 1975

8 למשל: "די קוראָלאַפּקע אָדער דאָס הינערישע פֿיסל", אין "בלעטער פֿון אַ פֿאַרסמאַליעטן פּינקס", תּל-אָבֿיבֿ 1996

9 למשל: "דער פֿאַרליבטער שוטה", אין "בײַם ראַנד פֿון חלום", תּל-אָבֿיבֿ 2001

גראַמען און קיין פֿערזן. פֿאַרקערט, עס זענען פֿאַראַן לירישע עלעמענטן אין טעקסטן וואָס האָבן אין גאַנצן ניט קיין שײַכות צו דער סיטרא-אַחרא.

### ד 1. ליריש געזעצטע אָפּשניטן

עס זענען פֿאַראַן ווינציק ערטער אין אײַזנמאַנס פּראָזע ווו מען געפֿינט ליריש געזעצטע, "ליד"-אָפּשניטן.

אינעם טעקסט "העי, גיטאַרע[10]" (וואָס אײַזנמאַן רופֿט אים אַ *מוזיקאַלישע וואָרט-אימפּראָוויזאַציע*) זענען פֿאַראַן פֿיר ליד-סטראָפֿעס:

*העי, גיטאַרע,*
*מאַך אַ וואַרע,*
*טרײַב פֿון מיר אַוועק די כמאַרע!*

*שפּיל גיטאַרע,*
*טאַרע,טאַרע,*
*לאָז דעם ניגון*
*זיך צעוויגן!*

*העי גיטאַרע,*
*טאַרע, טאַרע,*
*רײַס די סטרונעס*
*ווער ניט מיד!*

*העי גיטאַרע,*
*טאַרע, טאַרע,*
*געענדיקט האָט זיך דער ניגון,*
*די לעצטע קלאַנגען - אויסגעגאַנגען.*
*טאַרע, טאַרע,*
*טאַרע - טאַם.*

אָט די ליד-סטראָפֿעס מאַכן זייער אַ פּשוטן אײַנדרוק - אָבער זיי ווערן קאָנטראַסטירט פֿונעם פּראָזע-טעקסט צווישן די סטראָפֿעס. אײַזנמאַן דערציילט וועגן דער האָפֿענונג אַז מוזיק קען מאַכן די וועלט בעסער - און ווי אַזוי אָט די האָפֿענונג ווערט צעשטערט. פֿאַר דער לעצטער סטראָפֿע גראַמט ער אינעם פּראָזע-טעקסט דעם אָנרוף *דערלייזער מיט אַ גײַסט אַ בייזער.*

אין "דאָס פֿאַרפֿלאַנצטע האַרץ[11]" באַקומט אַן אַלטער מאַן דאָס האַרץ פֿון אַ יונגערהייט געשטאָרבענעם, אָבער עס ווערט אויסבראַקירט. דעם ערשטן גראַם געפֿינט מען אויף דער צווייטער זײַט: *דעם אַלטנס בלוט איז געדולדיק. דעם אַלטנס בלוט האָט זיך ניט געפֿילט שולדיק.* תּיכּף נאָך אָט די זאַצן גייט דער טעקסט אַריבער אין אַ ליריש געזעצטן נוסח מיט אײַנגערוקטע שורות:

*דאָס שליחות פֿון בלוט איז צו פֿליסן*
*גיין פֿון האַרץ און קומען צוריק*

10 אין: "בלעטער פֿון אַ פֿאַרסמאַליעטן פּינקס", תּל-אָבֿיבֿ 1996

11 אין: "די ווײַזערס לויפֿן, לויפֿן", תּל-אָבֿיבֿ 2006

צום זעלבן האַרץ.
רעגלמעסיק,
אַקוראַט,
אָן אָפּהאַלט און אָן

קיצור-הדרך.
אויסגערעכנט צו דער מינוט
און צו דער רגע.
דאָס האַרץ האָט צום סוף קאַפּיטולירט.

און ווײַטער אין פּראָזע: דער אַלטער האָט געיובלט און זײַן נײַ האַרץ האָט זיך געטובֿלט אין אַ ים פֿון טרערן. סײַ ווי וועט עס קיינעם ניט אַרן. קיינער וועט עס ניט הערן.

דער לעצטער אָפּזאַץ פֿון דער דערציילונג גייט וועגן דעם גראַנגל פֿון בלוט און האַרץ: איטלעכער פֿון זיי האָט זיך זײַן ווײ. קיין איינער פֿון זיי וויל זיך ניט נאָכגעבן, אָבער זיי ווילן לעבן. קלאַפּט דער דופֿק צום טאַקט פֿון האַרץ און צום ריטעם פֿון בלוט, צום בלוט וואָס רוט ניט קיין איין מינוט (...).

עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן אַז אײַזנמאַן ניצט ניט קיין גראַמען אין די ליריש געזעצטע טיילן טעקסט, פֿאַרקערט, די גראַמען קומען פֿאָר אי פֿאַר, אי נאָך די אַרויסגעהויבענע שורות.

## ד 2. ניט ליריש געזעצטע אָפּשניטן

די ווײַטערדיקע בײַשפּילן וועלן זײַן וועגן גראַמען און ריטמען וואָס זענען ניט אַזוי גרינג צו דערקענען ווײַל זיי באַהאַלטן זיך אין מיטן פּראָזע-טעקסט.

## ד 2 א. גראַמען און ריטמען צוליב פֿאַרווײַלערישע סיבות

די קורצע סקיצע "אין מיטן ווינטער. אין מיטן טאָג. אין מיטן גאַס.[12]" (אײַזנמאַן רופֿט זי אָן אַ בילד) דערציילט וועגן אַ צײַטונג וואָס ווערט אַדורכגעבלאָזן די גאַס פֿון שאַרפֿע ווינטן; אין גרויסע אותיות גוט צו דערקענען אַז אַ שאַרלאַטאַן האָט מיט אַכט כּשרע ייִדישע טעכטער, אין אַכט פֿאַרשיידענע שטעט פֿון דער מדינה, חתונה געהאַט און, פֿאַר קיינעם ניט געדאַכט, די אַכט שוויגערס פֿון די אַכט טעכטער אָפּגעסמט. - די מיידלעך זענען אייניק אַז דער שאַרלאַטאַן איז געווען אַ יונג אַ פּראַכט. בײַם סוף קומט אַ לאַסטאויטאָ וואָס מאַכט אַן עק צו דער צײַטונג - מיט אַכט רעדער.

אין דער דערציילונג "ביף[13]" (געווידמעט מאַרסעל מאַרסאָן) געפֿינט מען ניט קיין סך גראַמען, נאָר צוויי ערטער מיט בפֿירוש ריטמישע סטרוקטורן: ביף איז אין קאַזאַרמע געקומען, דעם צילינדער מיט דער בלום אַראָפּגענומען און אין זעלנערישע בגדים אַרײַנגעקראָכן. ער האָט אָבער די קורטקע ניט געקענט פֿאַרשפּיליען. האָט ער געקנעפּלט פֿון אויבן אַראָפּ, איז אונטן געבליבן אַן איבעריק לעכל. האָט ער געקנעפּלט פֿון אונטן אַרויף, איז אויבן געבליבן אַן איבעריק קנעפּל. - און: עס דרייען זיך אַרום שווײַגנדיקע באַדינערס אין שוואַרצע פֿראַקן און ווײַסע הענטשקעס מיט טאַצן משקה און לײַכט פֿאַרבײַסן.

אין די יידע פֿאַלן דאַכט זיך מיר אַז אײַזנמאַן גיט אַרײַן די מוזיקאַלישקייט אין זײַנע דערציילונגען צוליב פֿאַרווײַלערישע צוועקן. דאָס פּאַסט זיך גוט צו צו די טעמעס וואָס האָבן אין יידע פֿאַלן צו טאָן מיט פֿאַרווײַלונגען.

12 אין: "בלעטער פֿון אַ פֿאַרסמאַליעטן פּינקס", תּל-אָבֿיבֿ 1996
13 אין: "די באַן", קיבוץ יגור 1956

**ד 2 ב. גראַמען און ריטמען צוליב דערציילערישער סטרוקטור**

אין "דער קאַרשנבוים[14]" גייט עס וועגן אַ חלום. דער דערציילער זעט זיך ווי אַ ייִנגל וואָס באַגעגנט זיך מיט זײַן יוגנט-חבֿרטע, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין די גאַז-קאַמערן, אָבער ער זעט זי ווי אַ דערוואַקסענע פֿרוי. ווי פֿון דער ווײַטנס, באַשרײַבט ער די טרעפֿונג, אַרויסווײַזנדיק ניט קיין געפֿילן - גראַם און ריטעם קומען פֿאָר פּונקט דעמאָלט ווען די געפֿילן ווערן צום ערשטן מאָל דערמאָנט: *אַ גרויסער צער האָט געברענט מײַנע אויגן און הענט בעת דו האָסט זיך דערנענטערט. דײַנע האָר זענען צעלאָזן געווען. האָסט אויסגעזען ווי אַ קאַרשנבוים.*

אין "די גלעקער האָבן געקלונגען[15]" באַשרײַבט אײַזנמאַן אַ דײַטשישע שטאָט וואָס גיט זיך אונטער קלינגענדיק די גלאָקן: *זייער קלינגען איז אַרײַנגעדרונגען אין די הײַזער, און ווי אַ גײַסט אַ בייזער, אַרויסגעטריבן די מענטשן פֿון די בעטן.*

די פֿראַזע *אויף דעכער און באַלקאָנען - רויטע פֿאָנען* ווערט איבערגעחזרט, און נאָך איבערחזרונגען כאַראַקטעריזירן סטיל און ריטעם פֿון דער מעשׂה: *אַלע שיפֿן זענען אונטערגעגאַנגען. אַלע וועגן, אַלע בריקן זענען חרובֿ געוואָרן.* אָדער: *שווער, שווער צו הערן די גלעקער אויפֿן טורעם קלאָגן.* און: *אויס באַלאָנען און אויס בלומען. אויס פֿאַנפֿאַרן און אויס פּאַראַדן!* אָט די פּשוטע, בפֿירושע איבערחזרונגען ווײַזן אָן אויף פֿיר ווײַטערדיקע, וואָס זענען אָבער ניט בפֿירוש, נאָר באַהאַלטן אין ווײַטע מהלכן: יעדעס פֿון די פֿיר פֿונאַנדער-געטיילטע ווערטער-פּאָרלעך ווערט באַניצט מיט צוויי פֿאַרשיידענע באַטײַטן; אַזוי העלפֿן זיי צו פֿאַרשטיין דעם נימשל פֿון דער מעשׂה.

אין "בײַם ראַנד פֿון חלום[16]" דערציילט אײַזנמאַן פֿריִער פֿונעם ייִנגלס קוקווינקל וואָס ער באַקומט אַ הילצערן פֿערדל פֿונעם טאַטן, דערנאָך דערציילט דער אַלט-געוואָרענער מאַן: *עס זענען שוין בײַם פֿערדל אויסגעקראָכן די האָר פֿון עק. עס פֿעלט אים שוין אַן אויער. איך רײַט אויף אים באַלד אַכציק יאָר. אַכציק איז ניט אַכט. אַכציק מיינט אַלטע ביינער, פֿרעמדע ציינער, לאַנג-דויערנדיקע נעכט, געבאָרגטע טעג.*
*דאָס איז דער פֿאַרמעג, דאָס איז די ירושה, וואָס מײַן פֿאַרברענטער טאַטע האָט איבערגעלאָזט זײַן בן-יחיד.*
אײַזנמאַן ניצט דאָ דעם גראַם ווי אַ בריקל צווישן די אָפּזאַצן אָנווײַזנדיק אַז דער דערציילערישער קוק-ווינקל בלײַבט נאָך אַלץ דער זעלבער.

**ד 2 ג. גראַמען און ריטמען ווײַזן אָן אויף לעבעדיקע זאַכן**

אין אײַזנמאַנס דערציילונגען ווערן די זאַכן פֿון טאָג-טעגלעכן לעבן אָפֿט מאָל לעבעדיק. אַ מאָל ניצט אײַזנמאַן אין דעם שײַכות אַ לירישן נוסח.

אין "שוואַרצע טרערן[17]" הייסט עס: *די שורה ביכער אויף דער פּאָליצע זענען שוין ניט זיכער צי מען דאַרף זיי נאָך און דאָס בילד מיטן וואַלדיקן פּייסאַזש קוקט ווילד און צעטומלט אַראָפּ פֿון דער וואַנט און זוכט די האַנט וואָס האָט עס אויפֿגעהאַנגען און דעם שטויב געווישט. דער דיוואַן מיט די בונטע קאָלירן ווייס אויך ניט ווי אַזוי זיך צו פֿירן (...).*

אין דער רײַזע-דערציילונג "לאַס וועגאַס[18]" נעמט דאָס וואָרט אַ שפּיל-אויטאָמאַט מיט אַ הענטל, אַן אויג און אַ מויל - אײַזנמאַן גראַמט *וועלט* מיט *געלט* און קומט לסוף צום אויספֿיר: *דאָס אייגל אַ גלי. דאָס הענטל*

---

14 אין: "די באַן", קיבוץ יגור 1956

15 אין: "די ווײַזערס לויפֿן, לויפֿן", תּל-אָבֿיבֿ 2006

16 אין: "בײַם ראַנד פֿון חלום", תּל-אָבֿיבֿ 2001

17 אין: "די ווײַזערס לויפֿן, לויפֿן", תּל-אָבֿיבֿ 2006

18 אין: "נעמט מיך אין לאַנד פֿון פֿאַרגעסן", קיבוץ אלונים 1983

*אַ צי. דאָס גלעקל אַ קלונג. די מטבע אַ פֿאַל און בײַם געטש איז די טראַכט - פֿאַרמאַכט.*

אין "דאָס לעמפּעלע[19]" דערציילט אַן אַכציקיאָריקער וועגן זײַן עלנט: *מײַן נײַ חבֿרל איז אַ קליין לעמפּעלע, אַ גאָרנישטל מיט אַ רויט קאַשקעטל. עס צינדט זיך אָן און עס דערוואַכט, ערשט ווען עס ווערט טיפֿע נאַכט און איך קאָן ניט אַנטשלאָפֿן ווערן:*
*אַ דאַנק דיר, קליין לעמפּעלע. אַ דאַנק דיר שטראַלעכל, וואָס שײַנסט ווי אַ מלאכל, וואָס האַלטסט אונטער אַזוי גרויסמוטיק, אַזוי מונטער מײַן געשעדיקטע מאָראַל!*

**ד 2 ד. גראַמען און ריטמען צוליב אינהאַלטלעכע סיבות**

אײַזנמאַן ניצט אַ מאָל לירישע מיטלען ווען די טעמע ווערט באַהאַנדלט איראָניש. די קורצע דערציילונג "ייִדן ליאַלקעס[20]" קומט פֿאָר אויף *אַ זונטיקדיקן מאַרק, אין אַ וואַרשעווער פּאַרק.* ס'פֿעלן אויס די ייִדן אין וואַרשע, אָבער מע פֿאַרקויפֿט ייִדן-ליאַלקעס. גראַמענדיק זײַן פּראָזע, קלינגט אײַזנמאַן שטאַרק איראָניש: *זיי ליאַרעמען ניט. זיי שטאַמלען ניט אויף זייער משונהדיקער שפּראַך. זיי זענען ווי אײַנגעשלאָפֿן. זיי זענען ווי וואַך. - אַ שוסטערל, מיט אַ העמערל און מיט אַ שוך. אַ חזנדל, אײַנגעדעקט אין אַ הייליקן טוך (...). - אַ ייִדעלע מיט אַ פֿידעלע (...). - אַ דאָקטערל אין אַ ווײַס כאַלאַטל, מיט אַ הער-אַפּאַראַטל. - די ליאַלקעס זענען אומבאַוועגלעך, דערטרעגלעך. אָן גרימאַסן, געלאַסן (...).*
בײַם סוף רעדט דער דערציילער וועגן דעם קונה: *ער וועט צו זײַנע פֿאַרבעטענע געסט מאַכן מיט דער האַנט אַזאַ מין אומבאַהאָלפֿענעם זשעסט.* מיטן לעצטן זאַץ גיט אײַזנמאַן איבער וואָס דער קונה זאָגט צו זיי - אָן קיין שום גראַמען: *געווען בײַ אונדז אַ פֿאָלק, געלעבט מיט אונדז אַ פֿאָלק, און איז מער ניטאָ.* אויס איראָניע, אויס גראַם.

אין "ניט מער קיין גולם, קיין פֿלאַטערל[21]" באַשרײַבט אײַזנמאַן אַ שווערן פֿיבער-טרוים ווו דער לײַב האָט זיך פֿאַרגולמט אין אַ הײַטל. *דער בלינדער גולם האָט ניט געשטרעבט צום לעבן: האָט ער זיך געדרייט אַהין, אַהער. ס'איז דעם גולם געוואָרן שווער. ס'איז דעם גולם געוואָרן ענג. ס'האָבן פֿליגעלעך זיך בײַ אים צעשפּראָצט און צעשפּרייט, און פֿון הײַטל זיך באַפֿרײַט. פֿון גולם איז אַ פֿלאַטערל געוואָרן. אַ פֿלאַטערל אַ הויכעלע, אַ רויכעלע. קוים וואָס עס לעבט. קוים וואָס עס שוועבט. אַ פֿלאַטערל, אַ פֿליטערל, אַ ציטערל.*

**ד 2 ה. גראַמען און ריטמען אין ערטער פֿון שרעק און אימה**

ס'איז אַ חידוש וואָס אײַזנמאַן קלײַבט אַ מאָל אויס די שרעקלעכסטע פֿאָרקומענישן כּדי אַרײַנצוּוואַרפֿן אַ גראַם, אַ ריטעם, אַ זינגעוודיקן קלאַנג.

די דערציילונג "די חלום-רויז[22]" ענדיקט אַ קאַפּיטל, איבערגעבנדיק ווי אַזוי די שוועסטער פֿונעם דערציילער ווערט דערשאָסן פֿון דײַטשישע נאַציס: *מײַן שוועסטער האָט נישט גענומען אין אַכט די קולות, ביז עס איז געקומען אַ קויל און איר פֿאַרמאַכט דאָס מויל.*
נאָר צוויי ערטער מיט גראַמען זענען פֿאַראַן אין אָט דער דערציילונג. בײַם צווייטן מאָל האַלט דער דערציילער אין האָפֿן אַז זײַן שוועסטער זאָל אים צו חלום קומען: *איך רוף זי און רוף זי אין די נעכט. איך שרײַ דורכן שלאָף. מײַן שרײַען דערגייט נישט צו איר. צו ווײַט איז דער וועג, וואָס פֿירט צו די ספֿערן. צו גרויס איז די נויט, מע זאָל זי דערהערן.*

19 אין: "די ווײַזערס לויפֿן, לויפֿן", תּל-אָבֿיבֿ 2006
20 אין: "די ווײַזערס לויפֿן, לויפֿן", תּל-אָבֿיבֿ 2006
21 אין: "בלעטער פֿון אַ פֿאַרסמאַליעטן פּינקס", תּל-אָבֿיבֿ 1996
22 אין: "בלעטער פֿון אַ פֿאַרסמאַליעטן פּינקס", תּל-אָבֿיבֿ 1996

אין "בלויז אין ליד קאָן איך אַנטלויפֿן[23]" שרײַבט אײַזנמאַן: *ביימער האָבן אָבער ניט די טבֿע זיך אַרויסצורײַסן מיט די וואָרצלען און קומען פֿון מרחקים בלויז צו דערמאָנען, אַז זיי קאָנען חוץ בליִען און וואַקסן אין זונטעג און שלאַקסן - אויך זײַן תּליות.*

אין "דער קאָליר פֿון פּחד[24]" גייט עס וועגן אַ מאָלער וואָס וויל מאָלן די קרבנות פֿונעם חורבן, אָבער כּסדר קומען נאָר אַרויס פֿאַרקריפּלטע, שוואַרצע פֿייגל. די מעשׂה ענדיקט זיך: [דער מאָלער] *זוכט זיי, די פֿאַרבן. און די פֿייגל אויף די בילדער - ניט זיי לעבן ניט זיי שטאַרבן.*

די דערציילונג "מײַנע קינדער[25]" קומט פֿאָר ווען דער דערציילער איז שוין עלטער פֿון ווי אַלט זײַנע טאַטע־מאַמע זענען געווען אַז מען האָט זיי דערהרגעט אינעם חורבן. ער רופֿט זיי זײַנע קינדער און זאָגט זיי אָן צו פֿאַרברענגען אויסערן הויז: *די וועלט איז שיין. די וועלט איז געררוים - געניסט פֿון איר ווי לאַנג עס לאָזט זיך, ווי לאַנג מען קאָן.*

*זעט ווי פֿייגל פֿליִען. קוקט ווי רויזן בליִען. גייט אין גאָרטן קלײַבן קאַשטאַנעס. הערט זיך אײַן ווי עס לויפֿן באַנען. באַנען (דערוויַל נאָך אָן פֿאַרקראַטעוועטע פֿענצטער און פֿאַרהאַקטע טירן) וואָס פֿירן, אין נאָרמאַלע וואַגאָנען, געמיטלעכע פּאַסאַזשירן אויף אָפּרו אין די בערג, אין די וועלדער און צו שטילע פֿלוסן פֿון וואַסערן קילע.*

ס'וואַרפֿט זיך אין די אויגן אַז מע קען קיין מאָל ניט טרעפֿן אין פֿאָרויס ווען ס'ועט זיך באַווײַזן אַ נײַער גראַם. אַזויערהייט דערמאָנט אײַזנמאַנס סטיל טאַקע אין די גראַמען-קולטור פֿון רעפּ-מוזיק, פֿון היפּ-האָפּ.

אינעם טעקסט "קליינע שפּליטערס פֿון דער גרויסער מלחמה[26]" זענען פֿאַראַן גראַמען אַ סך - למשל: *פֿאַר נאַכט קומען אָן די קי פֿון פּאַשע און ס'פֿאַלט אַ ראָסע. ערגעץ שאַרפֿט שוין דער טויט זײַן קאָסע.* - אָדער: *אַ יונגע מאַמע וויגט דעם טויט אין אירע אָרעמס. שוין וואָכן לאַנג ניט געהאַט אין מויל קיין לעפֿל וואַרעמס.* - און שפּעטער, ווען עס ברענט די שטאָט: *עס הייבן זיך שטיקער סאַזשע און פֿליִען לאַנגזאַם אין די רוימען. ניטאָ שוין קיין בריקל, קיין דעכל, קיין רויך פֿון אַ קוימען.*

---

23 אין: "בלעטער פֿון אַ פֿאַרסמאַליעטן פּינקס", תּל-אָבֿיבֿ 1996

24 אין: "בײַם ראַנד פֿון חלום", תּל-אָבֿיבֿ 2001

25 אין: "בלעטער פֿון אַ פֿאַרסמאַליעטן פּינקס", תּל-אָבֿיבֿ 1996

26 אין: "נעמט מיך אין לאַנד פֿון פֿאַרגעסן", קיבוץ אלונים 1983

**ה. אַ קיצור**

אַ באַזונדערקייט אין צבֿי אײַזנמאַנס פּראָזע זענען די זינגעוודיקע עלעמענטן, די גראַמען און ריטמען וואָס ער ניצט אין אַ טייל פֿון זײַנע דערציילונגען. די פֿונקציע דערפֿון קען זײַן פֿאַרשיידן; שפּראָכן און קללות, די טײַוולאָנים-וועלט בכלל שפּילן אָבער ניט קיין ראָלע.

אַ מאָל האָבן די זינגעוודיקע עלעמענטן אַ פּשוט-פֿאַרווײַלערישע פֿונקציע, אַ מאָל ווײַזן זיי אָן אויף אַ דערציילערישער סטרוקטור. ווען די זאַכן וועקן זיך אויף צום לעבן און ווערן פֿאַרשוינען אין דער מעשׂה, ניצט אײַזנמאַן גראַם און ריטעם. אַ מאָל שטרײַכט די זינגעוודיקייט אונטער אַ באַזונדערן אינהאַלט, ווי למשל אַן איראָנישן נוסח אָדער אַ פֿיבער-טרוים.

אַ זאַך וואָס איז זייער ספּעציעל איז אײַזנמאַנס אויסמאָלונג פֿון גאָר שרעקלעכע פֿאָרקומענישן באַניצנדיק זיך מיט זינגעוודיקע עלעמענטן. דאַכט זיך אַז אָט דער באַניץ פּאַסט זיך ניט גוט צו, בפֿרט פֿאַר אַ שרײַבער וואָס זײַנע טעקסטן פֿאַרנעמען זיך אָפֿט מאָל מיטן חורבן. אויף מיר מאַכט עס אָבער דעם אײַנדרוק אַז אײַזנמאַן וויל גרינגער מאַכן פֿאַרן לייענער אָט די שרעקלעכע צוזאַמענהאַנגען.

צום סוף אײַזנמאַנס אייגענע ווערטער - דער אָנהייב פֿון "האָבן ווערטער זיך געבעטן בײַ מעלאָדיע[27]":

*האָבן ווערטער זיך געבעטן בײַ מעלאָדיע:*
*קרײַז אונדז ארום. וועב אונדז אײַן, וויג אײַן. צערטל אונדז. צעפֿערטל אונדז. פֿאַרגאַנץ.*
*הויב אונדז. דערהויב. צעטראָג אונדז. צעשענק!*
*צו אַ מיידל וואָס טרוימט און וואָס בענקט.*

איך זאָג זייער אַ האַרציקן דאַנק צו:
**קריסטיאַן מעלסהײַמער** פֿון פֿערדען וואָס ער האָט מיך אָנגעוויזן אויף עטלעכע וויכטיקע גראַמען
**דניאל גלאַי** פֿונעם בית לייוויק אין תּל-אָבֿיבֿ וואָס ער האָט מיר געגעבן דערלויבעניש צו אַרבעטן מיט די ווערק פֿון צבֿי אײַזנמאַן
דער **שלמה-בירנבוים-געזעלשאַפֿט** אין האַמבורג וואָס זי שטיצט כּסדר מײַן אַרבעט און גיט מיר אויך דאָס מאָל הילף פֿאַר מײַנע הוצאות
מײַן חבֿרטען **קריסטינע פֿאָן ביולאָ** פֿאַר איר באַשטענדיקער הילף און עצות אין אַלע טיילן פֿון מײַן אַרבעט
דער וווּנדערלעכער וואַרשטאַט **city auto service** אין קיל
מאַרטין קוועטשע

27 אין: "בלעטער פֿון אַ פֿאַרסמאַליעטן פּינקס", תּל-אָבֿיבֿ 1996

**Tzvi Eisenman - Biographisches**

| | |
|---|---|
| 1920 | geboren 20. 9. in Warschau (Mutter Elke: sehr fromm; Vater Moyshe: weltlich, Zimmermann; Schwester Perl), dort aufgewachsen; Besuch einer weltlichen jiddischen Schule |
| ~ 1939 | Schulabschluß, Arbeit u.a. in Bibliothek<br>Polnische Freunde, Kommunisten, helfen ihm bei der Flucht über die russische Grenze; seine Familie wird im Holocaust ermordet |
| WK II | Rußland: wohl zuerst unterstützt von Wohlfahrtsorganisationen, dann sich zur Arbeit gemeldet als Waldarbeiter am Ural |
| 1946 | Polen, Tschechoslowakei, Österreich, Italien |
| 1947 | Versuch, nach Israel zu reisen - vom britischen Militär verhaftet, zwei Jahre auf Zypern inhaftiert, von dort aus erste Lyrik-Veröffentlichungen in der Zeitschrift "Nayvelt" (Tel Aviv) 1948 |
| 1949 | Israel (Kibbuz Yagur); Mitglied in der Schriftstellergruppe "Yung Yisroel", journalistische Arbeit und Tätigkeit für das Forschungsteam des Ghetto Fighters' House |
| 1962 | Heirat (Gattin Yudeska 1916 - 1998); später Übersiedlung in den Kibbuz Alonim |
| 1980 | Itzik-Manger-Preis |
| 2015 | gestorben 12. Februar im Kibbuz Alonim |

7 Bücher auf jiddisch, 5 übersetzt auf Iwrit, 2 auf englisch, 1 auf polnisch

"Di ban", Kibbuz Yagur 1956
"Mazoles", I. L. Peretz-farlag 1965
"Tsvishn grenetsn", Hakibbutz Hameuchad Publishing House, 1974
"Nemt mikh in land fun fargesn", Kibbuz Alonim 1983
"Bleter fun a farsmalyetn pinkes", I. L. Peretz-farlag 1996
"Baym rand fun kholem", I. L. Peretz-farlag 2001
"Di vayzers loyfn, loyfn", H. Leivick-farlag 2006

Quellen:

- "Die Traumrose", Anthologie, Edition Dodo, Berlin 2005
- Joshua Fogel auf yleksikon.blogspot.com – Eintrag vom 1. Juni 2014
- he.wikipedia.org/wiki/ (mit google translate)
- Interview mit Max Kohn im australischen jiddischen Radio vom 29.12.2010
- Kurz-Autobiographie "Oyf eyn fus" (aus: "Baym rand fun kholem", 2001)
- Jacob Glatstein: "In tokh genumen", Buenos Aires 1960
- Itzik Gottesman auf yiddishsong.wordpress.com, Eintrag vom 31. 8. 2017